NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13103

# NISHT FARMISHPET

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

נישט באַר[illegible]

[illegible]

# נישט פארמשפט

פארלאג „נײע יידישע שול"

ווילנע, 1937

Printed in Poland

I. L. PEREC

# „Niszt Farmiszpet"

Inscenizacja

Druk. „Express" Wilno, Wielka 33.

# פ ע ר ז אָ נ ע ן:

משרת.

לייבל שדכן — א קאליקע מיט פארגליווערטע פיס.

משה חיים — א שניידער. די לינקע האנט פעלט אים.

לייבל שמש — א קאליקע אויף ביידע פיס.

1־טער ייד.

2־טער „

די גרינע דוואָשע.

1־טע יידינע.

2־טע „

3־טע יידינע.

4־טע „

אָפיציר.

1־טער סאָלדאַט.

2־טער „

3־טער „

4־טער „

5־טער „

שטימען פון גאַס און אַנד.



„נישט פארבישפט" 1-טער בילד—פארגעשטעלט דורכן דראמקרייז ביי דער יינגלשול „מפיצי-השכלה" ווילנע. רעזשי פון מ. פאפיערין.

## 1-טער בילד.

די האנדלונג קומט פאר אין א מושב-זקנים. איינגאנצן איין שטוב, מיט א פרייסיש ווענטל אויף צוויי העלפטן אפגעטיילט — פאר זקנים באזונדער און פאר זקנות באזונדער. יעדע העלפט האט א פענצטער צו דער גאס און א טיר צו דעם הויף ארויס. עס איז די שטורמישע צייט פון דער רוסישער רעוואלוציע אין יאר 1905. אין גאס איז א טומל. עס הערן זיך געשרייען, שאסן, געזאנגען און א געקלאפערי פון געהאקטע שויבן. די אלטע לייט זיינען צעציטערט. די מענער זאגן תהילים, די פרויען — „גאט פון אברהם".

**משרת:** (קומט אריין מיט א לאמטערן אין האנט) **מע זאל צו דער רעכטער צייט די ליכט פארלעשן און הינטער זיך די טיר פארמאכן.** (פארמאכט די לאדן פון אינעווייניק) **און הינטער זיך די טיר פארמאכן...** (אפ).

(א מאל איבער גאס. די אלטע לייט הייבן אן צו קלאפן זיך „על-חטא", זאגן תהילים א. א.וו. די גרינגע דוואשע הייבט אן די ערשטע).

**גרינגע דוואשע: „על-חטא"...**

גאַלע חייבער זאָגן נאָך. די מענער זאָגן תהילים. אין (אַס הערט זיך אַ ברעכן פֿון שויבן. פֿון דעם טומל רייסן זיך אַרויס שטימען פֿון דער גאַס).

1-טע שטימע: ברויט פֿאַר אַלע!..

2-טע שטימע: ליכט פֿאַר אַלע!

(עס הערט זיך אַ קלינגען פֿון גלאָז).

3-טע שטימע: לאַמטערן צעבראָכן!..

1-טע שטימע: די בעקער צעטריבן!

2-טע שטימע: קיין גאַנצער געבליבן!..

(די זקנים רעאַגירן איבערן טומל מיט שרעק. די גרינגע דוואָשע הייבט אָן די ערשטע, די איבעריקע. די מענער זאָגן „אַשמנו").

אַ יידינע: מאַנספּאַרשוינען, וואָס טוט זיך עס אין גאַס?

מענער (ענטפֿערן נישט).

1-טע יידינע! (קלאַפּט אָן אין וואַנט) מאַנספּאַרשוינען... איר זייט דאָך מאַנספּאַר-שוינען...

2-טע יידינע: זאָל ווער פֿון אייך אַרויסגיין... זאָל ווער פֿון אייך אַ לאָדן עפֿענען און אַרויסקוקן...

3-טע יידינע: זאָל עמיץ פֿון אייך יען, וואָס אין גאַס טוט זיך...

1-טע יידינע: די וועלט גייט דאָך אונטער..

אַלע: די וועלט גייט דאָך אונטער...

(ס'איז פֿינצטער אויף דער בינע. לייבל שדכן זוכט אַ ליכטל אָנצוצינדן, נאָר ווילגדיק וואַרפֿט ער אַראָפּ אַ לייכטער. אַלע דערשרעקן זיך. מע הייבט זיך אָן קלאַפּן „על-חטא". די גרינגע דוואָשע און די ווייבער זאָגן „גאָט פֿון אברהם". אין גאַס הערט זיך אַ טומל. עס דערהערט זיך אַ טראָמפּייטן-שאַל. אַ ווילע שפּעטער — אַ גיין פֿון סאָלדאַטן. עס הערט זיך אַ קאָמאַנדע: „נאַ-פּלעטשאָ"! אַלע סאָלדאַטן בלייבן שטיין. עס הערן זיך עטלעכע שאָסן פֿון ביקסן, נאָכדעם—אַ קלאַפּן פֿון אַ פּיקל לייבל שדכן קיקט זיך איין אין פֿענצטער).

לייבל שדכן: סאָלדאַטן!..

אַלע: (זאָגן נאָך מיט פּחד) סאָלדאַטן!..

איינער: וואָס קאָן עס זיין?

אַ צווייטער: וואָס וועט זיין?

אַלע: וואָס וועט זיין?

משרת: (קומט פֿלוצלינג אַריין) רעוואָלוציע!.. געוועלבער וועלן זיין פֿאַרמאַכט... טראַמוואַיען וועלן נישט גיין... „דראָזשקעס" נישט פֿאָרן... עס וועלן אַרומגיין דעמאָנסטראַציעס... און

פֿאַרדולן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן... און מע וועט שיסן... און מע וועט שיסן...

(אַלע זאָגן נאָך: „שיסן").

1-טע יידינע: פֿאַרוואָס?.. פֿאַרוואָס קומט שיסן?..

לייבל שדכן: עס קומט...

משה חייט: (רעוואָלוציאָנעריש געשטימט) און מענטשן שטעלן זיך איין דאָס לעבן!..

לייבל שדכן: און וואָס ווילן זיי, די מענטשן דיינע?..

משה חייט: איך ווייס, וואָס זיי ווילן!..

לייבל שדכן: אָ-הום...

משה חייט: וואָלט איך אַזוי געלינקט געווען, ווי איך ווייס!.. אויף די באַלעבאַטים גייט עס — די רוצחים!.. דעם גאַנצן עולם-הזה פֿאַרכאַפּט!

לייבל שדכן: אַזוי?

אַ יידינע: (קרימט זיך) עולם-הזה פֿעלט אים, דעם חייט!..

משה חייט: פֿאַרוואָס נישט? מיין נשמה איז אַ לעמעשקע... כ'קאָן נישט פֿאַרדיינען!.. אַלץ האָבן זיי צוגענומען!.. מיט פֿיש-יויך שפּייזן זיי אונדז... זיי קומט אַלץ: די הייזער, דאָס געלט... דאָס צירונג... די מלבושים... ווער בויט הייזער? — דער מולער! ווער מאַכט צירונג? — דער גאָלדשמיד! און מלבושים ווער מאַכט? — איך!.. (גיט זיך אַ קלאַפּ אין האַרצן).

לייבל שדכן: און געלט ווער מאַכט?

לייבל שמש: (שטאַמלט אַרויס) די ממשלה...

משה חייט: אָט דאָס טויג טאַקע נישט!..

(עס הערט אַ צעשראָקן געמורמל).

1-טער ייד: צערעדט זיך!

2-טער ייד: דאָס מויל זאָל אים הינטן שטיין!..

1-טער ייד: לאָז שוין זיין גענוג!

לייבל שמש: (שטאַמלט) און ד... די... ממש"ה... שש... שיסט!..

משה חייט: כל-זמן דער זעלנער פֿאָלגט!..

1-טער ייד: דאָס מוז ער!

2-טער ייד: אויף דעם איז ער דאָך אַ זעלנער.

משה חייט: וואָס מיינט איר, שוטים? די באַלעבאַטים דינען? — מיר דינען! זיי קויפֿן

זיך אויס, די עכברושים! מע וועט שוין זען — דעם גאַנצן עולם־הזה וועט מען ביי זיי צו־נעמען!

לייבל שדכן: (פרעגט גיפטיק) דו אויך? — און וואָס פאַר אַן עולם־הזה פעלט דיר, טרו־קענע האַנט?!..

משה חיים: (פאַרטראַכט זיך) ציגנד... עס צופּט אַזוי ביים האַרצן... אַ געגדזן פּיפּיקל!..

לייבל שדכן: שכל האָט ער!.. אַ געגדזן פּיפּיקל...

1-טע יידינע: עס צופּט טאַקע אין די גערערים...

2-טע יידינע: זאָלן זיי אַזוי לעבן, די באַלעבאַטים, ווי מעק ן אויסקומען אַ זומער־טאָג מיטן ביסל פּיש־יויך און פּיצלעך ברויט...

1-טער ייד: און האַלב גגבעט אוועק דער משרת...

2-טער ייד: אַ פּיפּיקל...

1-טע יידינע: אוי, אַ געגדזל פּיפּיקל!

2-טע יידינע: אוי, אַ פֿעט געגדזן פּיפּיקל... אַ שמעקעדיקס...

2-טער ייד: מיטן ריח אַליין וואָלט איך מיר די נשמה ווערכאַפּט...

לייבל שדכן: לאָמען זיך טאַקע ביים לעבן דערהאַלטן... לאָמיר זיך צונויפלייגן!..

1-טער ייד: (נעמט אַ טיכעלע אין קלייבט איין ביי אַלעמען דאָס געלט) אָבער ווער וועט גיין?..

לייבל שדכן: איך ניט...

גרינע דוואָשע: איך...

1-טע יידינע: וועט ניט דערגיין...

2-טע יידינע: וועט ניט דעררײדן...

3-טע יידינע: וועט אינמיטן פאַרגעסן..

1-טע יידינע: אָן זכרון... אַ בהמה...

אַלע: אַ בהמה...

משה חיים: איכ׳ל גיין!..

1-טער ייד: מיט איין האַנט...

2-טער ייד: מיט אַ רעכטער...

1-טער ייד: וועט פאַרלירן...

2-טער ייד: מע וועט אים אַרויסשטויסן...

לייבל שמש: א... א... אי... כע!..

1-טער ייד: יאָ, יאָ.. ער איז אַ מבין!..

4-טע יידינע: דער גאָרקיכער וועט אים ניט נאַרן!..

3-טע יידינע: אָבער כמעט בלינד!..

1-טער ייד: קען די שטאָט אויף אויסנ־ווייניק!

4-טע יידינע: גייט דאָך אויף אַ קוליע...

1-טער ייד: זאָל זיין אויף אַ קוליע, אַבי אַ מבין!..

(1-טער און 2-טער ייד גיבן אים די קוליעס. לייבל שמש הויבט אָן גיין; דעם קאָפּ ווי ווייט מעגלעך אויפגעהויבן, נישט אָן גאווה קלאַפּנדיק).

1-טער ייד: זעט, זעט — ער גייט!..

אַלע: ער גייט!..

4-טע יידינע: נאָר קלייב אויס, לייבל! נעם אים אַ רעכט פּיפּיקל!..

אַלע: אַ רעכט פּיפּיקל!

1-טע יידינע: און איינפּאַקן זאָל ער אין אַ פּאַפּיר!

2-טע יידינע: אין אַ סך פּאַפּירן!

אַלע: און אַ סך פּאַפּירן!

3-טע יידינע: און צובינדן מיט אַ שטריקל!

אַלע: און צובינדן מיט אַ שטריקל!..

משה חיים: און למען־השם פאַרליר נישט!

אַלע: למען־השם פאַרליר נישט!..

(מע באַגלייט אים ביז דער טיר. לייבל שמש — אָפּ. אַלע קוקן פאַריקווייז איינער איבערן אַנדערן).

אַלע: אַ געגדזן פּיפּיקל!.. אַ געגדזן פּיפּיקל!..

(פאַרהאַנג).

## 11-טער בילד.

איבן גאַס ס׳ציען זיך הייזער, אַ גאַניק פון אַ הויז. פון ביידע זייטן גאַס באַווייזן זיך סאָלדאַטן מיט אַן אָפיציר. דער אָפיציר זעצט זיך אויפן גאַניק. אַלע סאָלדאַטן רינגלען אים אַרום.

אָפיציר: דער וונוטרעני וראַג! — דער שונא פון אינעווייניק איז דער פּאָליאַק און דער זשיד!.. נאָר דער זשיד איז נאָך גע־פערלעכער...

1-טער סאָלדאַט: יידעלעך — עכמאַ... פליגעלעך אַזוינע!

אָפיציר: שדים שטעקן אין זיי! קינדער פון די וויגן גייען אויף דעמאָנסטראַציעס... אַלטע גייען פון די בעטן, פון די שפּיטעלער אַרויס!..

2-טער סאָלדאַט: אַזאַ אײַנגעוואָרצלטע שנאה ברענט אין זײ! אַזאַ האַס צו דער רוסישער מלוכה! אַזאַ האַס צו דער הײליקער צערקווע!

1-טער סאָלדאַט: פליגן! און אַז מע דאַרף, ווערט פון זײ לײבן! טיגערן!

3-טער סאָלדאַט: זײ מאַכן זיך נאָר שוואַך, ווי בײַם פריזיוו! פאַרשטעלן זיך!

4-טער סאָלדאַט: אַ כיטרע פאָלק, די אַנטיקריסטן!

אָפיציר: און מיט באָמבעס גײען זײ!

(אַלע רוקן זיך צו נאָך נעענטער צום אָפיציר).

אָפיציר: (קאָמאַנדירט) נו, מיר שטײען ניט! מאַרש!

(אַלע שטעלן זיך. אין דער רגע קומט אָן לײבל שמש מיטן פעקל, אײַנגעוויקלט אין פּאַפּירן, אין בײדע הענט)

1-טער סאָלדאַט: (דערזעט דעם ייִדן) אַ ייִד גײט!

(לײבל דערנענטערט זיך).

אָפיציר: אַהאַ, ווי שטיל ער גײט!

2-טער סאָלדאַט: ער טאַפּט מיט די הענט ווי מיט די פיס!

3-טער סאָלדאַט: ער האַלט עפּעס אין בײדע הענט!

אָפיציר: אַרומרינגלען אים!

(אַלע סאָלדאַטן רינגלען אים אַרום).

אָפיציר: (גײט צו) גיב אַהער! גיב אַהער!

לײבל שמש: מ... מ... יע! מאָיע!.. ראַז... באָיניקי! (וויל האַרפּן דאָס פעקל).

אָפיציר: (צעשראָקן) ניע בראָסאַי! ניע בראָסאַי!..

(1-טער און 2-טער זעלנער כאַפּן אַרויס דעם פעקל; לויפן אָפּ אָן אַ זײַט, וויקלען פונאַנדער און עסן אויף דעם פּיפּיקל).

אָפיציר: זאָל מען פון ערגעץ אַ טיש ברענגען, און מיר משפטן אים דאָ אויף אָן אָרט, דעם פאַרשטעלטן רעוואָלוציאָנער!

(3-טער זעלנער בויגט זיך אײַן. 4-טער זעלנער שרײַבט בײַ אים אויפן פּלײצע).

אָפיציר: שרײַב: ניט געפאָלגט דעם פּאַטרול. געווערט זיך. באַלײדיקט דעם פּאַטרול. „ראַזבאָיניקי" געזאָגט!

אַלע: (זאָגן איבער זײַנע פראַזן).

אָפיציר: (צו לײבל שמש) ביסט מודה, אַז ס'איז אַזוי געווען?

לײבל שמש: (שווײַגט).

אָפיציר: ווער פאַרשטײט מיטן אַנטיקריסט זיך צונויפצורײדן?

5-טער סאָלדאַט: איך!

אָפיציר: זײַ דער איבערזעצער!

5-טער: טאַק טאָטשנאָ!

2-טער: ער וועט ניט ענטפערן!

אָפיציר: פאַרקערט, וועט מוזן! איר זײַנט עדות!

אַלע: טאַק טאָטשנאָ!

1-טער: עפּעס אַ פעקל געטראָגן!

אַלע: עפּעס אַ פעקל געטראָגן.

2-טער: ניט געפאָלגט דעם פּאַטרול!

אַלע: ניט געפאָלגט דעם פּאַטרול.

3-טער: געאַמפּערט זיך!

אַלע: געאַמפּערט זיך.

4-טער: און „ראַזבאָיניקי" געזאָגט!

אַלע: „ראַזבאָיניקי" געזאָגט!

5-טער: (צו לײבל שמש) ביסט מודה?

לײבל שמש: (שווײַגט).

5-טער: ער הײבט ניט אָן צו פאַרשטײן! זאָגט, וואָס פאַר אַ פעקל?

אָפיציר: וואָס געווען דאָרט?

2-טער: כ'ווײס ניט, אָפּגעגעבן!

אָפיציר: ווו איז עס אַהינגעקומען?

1-טער: אַ, ייִדעלעך! אָט אָקאָרשט געווען און שוין אַוועקגעגנבעט!

4-טער: ייִדעלעך, דערויף זײַנען זײ שוין בריהס!

5-טער: (וויל צוגײן צום אָפיציר וואָס פרעגן).

1-טער: (פאַרכאַפּט דעם וועג. זאָגט וואָס דעם אָפיציר אין אויער).

אָפיציר: יאָ, יאָ! דאָס געהערט ניט צו דער זאַך! ניט דאָס פעקל ווערט געמישפּט, נאָר...

5-טער: רבותי! איר זעט דאָך, אַן אַלטער!

אָפיציר: (לאַכט) די שינאה וואַקסט מיט די יאָרן!

אַלע: (לאַכן).

5-טער: גײט דאָך אויף אַ קוליע!

אָפיציר: (לאַכט) אַזוי קומען זײ צום פריזיוו אויך!

5־טער: און טויב איז ער און בלינד!

2־טער: (לאכט) איר מאַכט עס גאַנץ יידישלעך!

5־טער: אַ האַלב־טויטער!

אלע: (לאכן).

1־טער: העי, זשיד! פּאָדנימי סוואָיו פּאַלקו!

5־טער: מע הייסט דיר אויפהייבן די קליינע דינגע!

לייבל שמש: (רירט זיך נישט).

1־טער: (רייסט ארויס ביי לייבל שמש די ק־ליינ־).

לייבל שמש: (גיט זיך א וואקל און א פאל אנידער אויף דער ערד).

(אלע בלייבן מיט די פּנימער צו לייבל שמש).

5־טער: (בייגט זיך צו צו לייבל שמש) ניט פאַרמישפּט! בָּרוּךְ דַּיַּן אֱמֶת...

(אלע צלמען זיך איבער).

פ אָ ר ה אַ נ ג.